# אַ דָארְף־צַדִיק.

(אַ פאָלקס־לעגענדע).

---

אין אַ טויה־בעדעקטען ים פון גרינעם גראָז ליעגט ער בעהאַלטען, און פאַשעט זיינע שעפעליך, וואָס דער פאָטער האָט זיי איהם איבערגעגעבען.

מען רופט איהם „יאַשעק“. ווי ער הייסט אין „יודישען“ ווייס ער אַליין אויך נישט, מען האָט איהם קיין מאָל נאָך צו קיין „עֲלִיָה“ נישט אויפגערופען.

אַלע ווייסען, אַז ער איז אַ פויער, אַ גראָבער יונג. דער פאָטער זיינער, יצחק מילכיגער, איז זיך אין גאַנצען פון איהם מְיָאֵש; ער וועט נאָך איהם אפילו קיין קַדִיש נישט קענען זאָגען. און נור יוצא צו זיין האָט ער איהם אַראָבגעבראַכט אַ מלמד פון שטאָדט.

דער מלמד אַרבייט מיט איהם מיט אַלע כחות. הונדערט מאָל, הונדערט מאָל זאָגט ער איבער יעדעס וואָרט, און ער, אַזוי ווי נישט איהם וואָלט מען געמיינט — קָמֶץ־אלף זאָל דיר זיין „גוט וואָך!“

— גערה האָב צו טהון מיט אַ אייזעל־קאָפּ, זאָגט דער מלמד און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ. און די מוטער קוקט אויף איהר זוהן, און קרעכצט.

מען הייסט איהם אפילו נישט קיין סדור נעהמען. דאַוונען? ער, „יאַשעק“, וועט דאַוונען? וואו קומט ער צו גאָט? אַ חרפה פאַר זיין ליעבען נאָמען, ער זאָל קריאַת־שמע זאָגען!

און דאָך פערשטעהט יאַשעק גאָט לויט זיין פערשטאַנד און פיהלט איהם אין זיין האַרץ.



און ער זעהט גאָט אומעטום, אומעטום וואו ער טהוט אַ קוק מיט זיינע אויגען, ער זעהט איהם דאָרט, וואו דאָס וואַסערדיל גיעסט זיך אין דער שטיל און דערצעהלט סודי־סודות דעם שטילען רוהיגען בעגראָזטען ברעג. און פון דאָרט ווייט קומט דער וואָלקען, און ציהט זיך איבער'ן הימעל מיט אַ טרויעריגען וואָלקען, דעמאָלט שפירט ער עפּעס, וויל ער עפּעס, בענקט ער נאָך עפּעס...

ווען עס געהט אַ גרויסער וואָלקען, עס שלאָגט אַ דונער, עס בליצט... צו אַ רעגען גיעסט... אָדער אַ שווערער געפיהל הילט איין דאָס דאָרף, אָדער אַמאָל, ווען מען האָט דעם אַלטען מאַטשעק אַפערגענומען פון אונטער דער שנייד־מאַשין און פון אונטערגעהאַקטען פוס האָט בלוט גערונען... שטעלט זיך איהם, דעמאָלט, דערשפירט ער גאָט! און נישט אין הימעל וואוינט גאָט, און נישט אויפהייבען דעם קאָפּ צום הימעל דאַרף מען, מען זאָל איהם זעהען; ניין, איהם דאַכט זיך, אַז גאָט וואוינט ערגעץ ווייט, ווייט, אין אַ גרויסער שטאָדט, דאָרט, וואו דער שְׂרָרָה פון דאָרף וואוינט, און וואו אַלע גרויסע שררות און גרויסע לייט וואוינען. און די אַלע גרויסע שררות, און גרויסע לייט זעגען נישט מעהר, ווי גאָט'ס „פּאַראָבקעס“ אַזוי ווי סטאַך און וואויטעק זענען פאַראָבקעס ביים „פּריץ“ פון דאָרף.

אָבער ער, ווי קומט ער צו גאָט? אפילו נישט צו זיין זיינס אַ פאַסטוך! אַ פאַסטוך ביי גאָט, טראַכט ער ביי זיך, מוז אויך זיין אַ גרויסער „פּאַן“, אַ פּריץ אַ גרויסער! און ווער ווייסט צו דער פּריץ פון זייער דאָרף איז חאָטש אַ קוטשער ביי גאָט'ס פערד? וועט מען איהם, יאַשעקען, צולאָזען?

נאָר טהיילמאָל ווען דער הימעל איז ריין און העל, און דוהט פער'חלום'ט, אין אַ בלויען פליסענדיגען שלייער, און די גרעזער וואַקסען זיך אונטען במנוחה, און איינגעוואָרצעלט איז דאָס גרעזיל אין דער ערד, און קוקט זיך שטיל אין הימעל אַריין, און דאָרט קעגען איבער, שטעהט דער אַלטער וואַלד — דער גרינער זיידע פון דאָרף, און דאָרט וויטער ציהט זיך צווישען די גראָזען דער וועג, אַ פוהר פאָהרט, און אַ יוד געהט ערגעץ ווייט, ווייט... און פון אויבען דער הימעל ציהט זיך אויך ערגיץ ווייט אַוועק און געהט וואָס אַמאָל ניעדריגער, ניעדריגער. ביז ער לאָזט

זיך אין גאַנצען אַראָב אויף דר'ערד ... און ער, יאַשעק, זיצט זיך אויף דער שוועל פֿון דער „סטאָדאָלע" און קוקט ... דערנסטמאָל דאַכט זיך איהם, האָט זיך גאָט אַביסעל אַרויסגעכאַפּט פֿון די „שררות" פֿון די פּריצים און איז זיך דאָ אַליין אַהער געקומען אין פֿעלד אַריין, אויסגעצויגען זיך און ליעגט זיך אַזוי און וואַרט ...

און יאַשעק וויל אַ דאַנק און אַ לויב אָבגעבען גאָט פֿאַר דעם אַלעם, אַט וואָס איז אַרום און אַרום.

און טהיילמאָל ווילט זיך איהם געהן און געהן אַזוי לאַנג, ביז ער וועט אָנקומען דאָרט צו דער גרויסער שטאָדט, וואו גאָט וואוינט, וואו זיין פּאַלאַץ שטעהט!

— וועל איך צוגעהן און אַ קוש טהון גאָט אין האַנד אַריין! — טראַכט ער זיך.

נאָר באַלד זיפֿצט ער אָב:

— מען וועט מיך דען צולאָזען?

ער קען צוקומען, טראַכט ער, צו גאָט'ס פּאַלאַץ, נאָר דאָרט שטעהען „שווייצער", אַזוינע הויכע מיט בלאָהע סטענגעס, געלע איבערגעלעגטע שטיוועל און רויטע פֿרעק, אַזוינע ווי ער האָט געזעהען ביי די פּריצים, וואָס זענען געקומען צו זיין פּריץ אויפֿ'ן דאָרף אויף אַ באַל — און זיי וועלען איהם אַוועקיאָגען ...

און באַלד דאַכט זיך איהם, אַז מען דאַרף נישט געהן, אַז גאָט איז אויפֿ'ן פֿרייען פֿעלד, אַז די שווייצער היטען אַ לעערען פּאַלאַץ, אָהן גאָט!

---

„אֵל מֶלֶךְ נֶאֱמָן" לערנט איהם דער רבי פֿון סדור ... און דער אל-מלך-נאמן, דאַכט זיך איהם, איז עפּעס אַ מין שפּרוך, וואָס, אַז מען זאָגט איהם, דאַרפֿען די שווייצער אַריינלאָזען אין גאָט'ס פּאַלאַץ ...

אָבער צו גאָט האָט ער איין אַנדער מין געבעט, אַ געבעט אָהן ווערטער, אַ געבעט וואָס וואַקסט ביי איהם אין האַרץ און דערפֿילט דאָס האַרץ און איבערפֿילט עס און רייסט זיך אַרויס מיט אַ פֿייף!

ער וויל בעטען, לעגט ער צוויי פֿינגער אין מויל אַריין, שטעלט אויף די ליפּען, גיט אַ בלאָז. און זיין תפלה הילכט אין גאַנצען וואַלד!



און גאָט פֿערשטעהט איהם, פֿערשטעהט זעהר גוט זיין געבעט!

און ער פֿייפֿט נור דעמאָלט, ווען עס ווילט זיך פֿייפֿען צו גאָט, ווען ער פֿיהלט, אַז מען ברויך פֿייפֿען ...

און גאָט, דאַכט זיך איהם, ליעגט ערגעץ ווייט, ווייט אויפֿ'ן פֿרייען שמעקענדיגען פֿעלד און הערט זיך איין, ווי ער פֿייפֿט, און האָט הנאה פֿון זיין פֿייפֿען, און פֿרעהט זיך דערמיט.

און נישט ער אַליין פֿייפֿט! אַלע, ווייסט ער, „פֿייפֿען". אַז „נאָסיק" דער דאָרפֿ'ס-הונד הויבט אָן פּלוצלונג צו בילען, וואַרפֿט מיט'ן ווידעל, קוקט אין הימעל אַריין און בילט — זאָגט ער: „נאָסיק" דאַווענט; אַז די „ווייסע" געהט אַהיים פֿאַר נאַכט פֿון פֿעלד, שטעקט די בעגייווערטע צונג אַרויס, און גיט אַ לאַנגען טרויעריגען בעטש: מע-ע-ע, טראַכט ער: די „ווייסע" דאַווענט, דער „באָלאַן" דאַווענט אויף איין אַנדערן אופֿן: ער צובריקעט זיך, שטעלט זיך אויף די הינטערשטע פֿיס, בייגט שטייף דעם קאָפּ אויס: באָר — ר-ר!

אַלע דאַווענען, אפילו די פֿרעש אין וואַסער ... איינער רוימט איין דעם צווייטען: קוואַ, קוואַ!

---

יאַשעק איז שוין אַלט געוואָרען דרייצען יאָהר, קְרִיאַת־שְׁמַע קאָן ער נאָך נישט זאָגען, און עס איז פֿאַר ראש-השנה.

און דער רבי אַרבייט מיט יאַשעק'ן חאָטש אויף היי-יעהריגען ראש-השנה נור בלויס קריאת-שמע זאָגען — מען זאָל איהם קענען מיטנעהמען אין שטאָדט אַריין.

און יאַשעק'ן לכבוד יום-טוב האָט מען געקויפֿט אַ נייעם ציינעגעם אַנצוג, אַפּאָר שטיוועל, און אַ ניי היטעל ...

זאָל ער חאָטש קריאת-שמע זאָגען.

---

פֿול אָנגעפּראָפּט איז די שוהל; קליין און גרויס, אַלע אָנגעטהון אין ווייסען, אַריבערגעצויגען מיט די טַלֵיתִים, אַלע שטעהען און שאָקלען זיך, און שרייען און רופֿען, אַלץ העכער און העכער.

ביים עמוד, וואו עס ברענען זיך די זיבען גרויסע וואק-סענע ליכט, שטעהט דער חזן מיט משוררים... לאַנגע וויינענדיגע טענער און בעגלייט מיט האַלבע אָבגעריסענע דערשטיקטע קולות לאָזען זיך הערען:

— מִי לַחַיִּים, וּמִי לַמָּוֶת...

און אַ פערשטיקט וויינען רייסט זיך אַרויס מיט אַמאָל פון דער ווייבערשוהל. און יאַשעק שטעהט אָנגעטהון אין צייגענעם אַנצוג, די העלע האָהר לאָזען זיך אַרויס פון דעם אַרויפגעזעקטען היטעל. ער שטעהט, פלוצים ריהרט ער זיך פון אָרט, שפּאַרט אַרויף אויבען אָן, שטעלט זיך אין דער זייט קעגען איבער דעם חזן, דער סדור, וואָס דער פאָטער האָט איהם געגעבען, מען זאָל האָטש מיינען, אַז ער דאַווענט, גליטשט זיך איהם פון דער האַנד אַרויס, און ער שטעהט, מיט וויטע געעפענטע אויגען, און קוקט.

אַ פּאָר וואוילע יונגען בעמערקען יאַשעק'ן, איינער ווינקט צום צווייטען, ווייזען אויף איהם, לאַכען אין דער שטיל, באַלד געהט איינער צו און גיט איהם אַ שנעל אין נאָז.

ער הערט נישט, פיהלט נישט! ער שטעהט, גלאָצט מיט די אויגען, אַמאָל אויף דעם חזן, אַמאָל אויף די וויינענדיגע יודען. אָט זעהט ער דאָס ווייסע פּרוֹכֶת וואָס העננט ביים אָרון. מיט די גרויסע גאָלדענע אותיות: „קוֹדֶשׁ לַה׳".

גאָט מוז ציגד זיין — דאָרט, דאָרט אונטער'ן פרוכת, טראַכט ער ביי זיך.

און פון דער ווייבער-שוהל קוקט אַראָב זיין מוטער, זי בעמערקט איהר בן שטעהט און גלאָצט, דער סדור גליטשט זיך איהם פון האַנד אַרויס — און די יודענע קרעכצט, טראַכט זיך אין האַרץ:

— אַ פויער, אַ געבוירענער גוי.

און דער פאָטער וואַרפט אויף איהם אַ בליק פון אונטער דעם טלית, קרעכצט שווער אָב:

— רבונו של עולם געדענק אָן איהם אויך!

און יאַשעק שטעהט, און גלאָצט. אַלע וויינען, אַלע דאַווענען, אַלע רופען צו גאָט און איהם פערווילט זיך אויך!

ער וויל אויך בעטען צו גאָט. ער וויל אויך, נישט וויינען,



נישט שרייען, נאָר דאַנקען און לויבען גאָט וויל ער! פאַר אַלעם, פאַר אַלעם דאַנקען!

ער כאַפּט צוריק אויף דעם סדור, נעמט זיך צו דער פער-צייכענטער קריאת שמע, הייבט אָן:

— אֵ ל, מֶ־לֶ־ךְ נֶ־אֶ־מָ־ן...

עס האַרצט איהם אָבער נישט אַזאַ תפלה.

ער פערשטעהט זי נישט. דאָס איז נור אַ שפּרוך, אַ טרו-קענער שפּרוך...

ער וויל דאַנקען און לויבען עהרליך, געטריי פון האַרץ — —

און ער האָט מורא פאַר'ן עולם, פאַר'ן גרויסען עולם, וואָס דאַווענט גאָר אַנדערש, נאָר די תאוה איז שטאַרקער פאַר איהם — און גאָט איז העכער פאַר אַלעם! ער מוז!

און ער לעגט די פינגער צו מויל —

און אַ שאַרפער פייף שניידט דורך די וויינענדיגע שוהל...

---

דער עולם דערשרעקט זיך.

ווער איז? וואָס איז? ווער פייפט אין מקום קדוש?

דער פאָטער וויל איהם אָנכאַפען ביים אַקסעל און „דרויס'ען" — דער עולם וויל שלאָגען...

נאָר פלוצים דרעהט זיך איבער דער הייליגער צדיק פון דער מזרח וואַנד און פרעגט:

— וואו איז ער, דער צדיק וואָס האָט דעם גזר-דין צוריסען? וואָס האָט דעם הימעל געלעכערט און דורך די בלייערנע וואָלקען אונזערע תפלות אַרויפגעפיהרט?

---

נאָר דער צדיק איז שוין נישט געווען...

ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון שוהל, געוואָרפען די שטי-וועל איבער די אַקסעל און שפּרייזט שוין צוריק אין דאָרף אַריין. —